**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/17/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול הויבט אפיציעל אן קאנסטראקשאן סעזאן אין ניו יארק סטעיט און מעלדט נאציאנאלע ארבעט זאנע וואכזאמקייט וואך וואס וועט פארקומען פון אפריל 17 ביז 21**

***ארבעט זאנע ספיד מאניטערונג פילאט פראגראם הויבט זיך אן אפריל 17, בויענדיג אויף אנגייענדע באמיאונגען צו ענפארסירן זיכערע דרייווינג אין ארבעט זאנעס און באשיצן די לעבנס פון הייוועי ארבעטערס דורכאויס ניו יארק***

***NYSDOT און טרו-וועי אויטאריטעט לאזן אין גאנג פובליק זיכערהייט קאמפיין צו אויפקלערן ניו יארקער אויף די נייע פילאט פראגראם אין ארבעט זאנעס***

***סטעיט לענדמארקס וועלן ווערן אנגעצינדן אין אראנדזש אום אפריל 19 און ניו יארקער ווערן געמוטיגט צו טראגן אראנדזש אין סאלאדאריטעט מיט ניו יארק'ס הייוועי ארבעטסקראפט***

גאווערנער קעטי האקול היינט געמאלדן אז די סטעיט וועט אפיציעל מאכן אן אנדענק צו נאציאנאלע ארבעט זאנע וואכזאמקייט וואך פון אפריל 17 ביז 21 אזוי ווי קאנסטראקשאן סעזאן הויבט זיך אן. די טעמע פאר 2023 איז, "איר שפילט א ראלע אין ארבעט זאנע זיכערהייט. ארבעט מיט אונז!" אלס טייל פון די אנדענק געצילט אויף באשיצן הייוועי ארבעטער, וועט אן אויטאמאטישע ארבעט זאנע ספיד מאניטארינג פילאט פראגראם צו העלפן ענפארסירן ספיד לימיטס אויף הייוועי קאנסטראקשאן און מעינטענענס ארבעט זאנעס אפיציעל זיך אנהויבן אום אפריל 17, א געמיינזאמע איניציאטיוו צווישן די ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון טראנספארטאציע און די ניו יאָרק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט וואס בויעט אויף אנגייענדע באמיאונגען צו בעסער באשיצן הייוועי ארבעטער. א סך הכל פון 30 ספיד פארלעצונגען מאניטערן סיסטעמען וואס נוצן RADAR טעכנאלאגיע וועלן ווערן אויסגעשטעלט אין אקטיווע ארבעט זאנעס דורכאויס ניו יארק סטעיט הייוועיס - 20 אויף NYSDOT מעינטעינד שאסייען און 10 אויף די ניו יארק סטעיט טרו-וועי.

"אזוי ווי מיר האבן אן אפיציע קאנסטראקשאן סעזאן אין ניו יארק ווי אויך נאציאנאלע ארבעט זאנע וואכזאמקייט וואך, דאנק איך הייוועי ארבעטער דורכאויס די סטעיט וואס לייגן זייערע לעבנס אין געפאר צו מעיטעינען און פארבעסערן די שאסייען אויף וואס מיר פארלאזן זיך יעדן טאג, " **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער נייער פילאט פראגראם וועט זיין אינסטרומענטאל אין מוטיגן זיכערע דרייווינג געוואוינהייטן אין הייוועי ארבעט זאנעס און באשיצן די לעבנס פון די וועלכע העלפן מעינטעינען א זיכערע און פארלעסליכע הייוועי סיסטעם."

ניו יארק סטעיט האט געהאט א שטייגנדע צאל ארבעט זאנע ספיד פארלעצונגען אין פארגאנגענע יארן, רעזולטירנדיג אין מערערע הייוועי ארבעטער וואונדן און עטליכע טויטפעלער צווישן סטעיט און קאנטראקטער שטאב. מיטן אנהויבן דעם פראגראם דורכאויס נאציאנאלע ארבעט זאנע וואכזאמקייט וואך, א יערליכע קאמפיין אנערקענט דורך די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע זייט 2000, טוט די סטעיט ווייטער אונטערשטרייכן די וויכטיגקייט פון זיכערע דרייווינג ביים אנטרעפן קאנסטראקשאן, מעינטענענס און עמערדזשענסי אפעראציעס דורכאויס הייוועיס.

**אויטאמאטישע ארבעט זאנע ספיד מאניטערן פילאט פראגראם און קאמפיין**
די אויטאמאטישע ארבעט זאנע ספיד מאניטערן פילאט פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן דורך לעגיסלאציע וואס איז אונטערגעשריבן געווארן דורך גאווערנער האקול. פאר די ערשטע 30 טעג פונעם פילאט, וועלן ספידינג מאטאריסטן ווערן געגעבן ווארענונג מעלדונגען פון לייעביליטי, ווען פאקטישע מעלדונגען וועלן ווערן ארויסגעגעבן 30 טעג נאך די ערשטע ארויסגעבונג. א טעכנאלאגיע אפערעיטער פארן פראגראם איז אויסגעוועלט געווארן נאכפאלגנדיג א קאנקורירנדע בידינג פראצעדור. אונטער דעם פראגראם, וועלן אלע וויהיקלס וואס וועלן ווערן אנטדעקט פארלעצן דעם אויפגעהאנגענעם ספיד לימיט אינערהאלב אן ארבעט זאנע מיט איבער אן אוועקגעשטעלטן צאל, ווערן גע'קנס'ט. לייסענס שילד בילדער און ספיד אינפארמאציע געזאמלט וועט ווערן געשיקט צו NYSDOT און די טרו-וועי ביז א וואך, מיט פארלעצונג געלט-שטראפן ארויסגעגעבן צו די וויהיקל'ס רעגיסטרירטע אייגנטומער דורך די פאסט. וויהיקל אייגנטומער וואס זענען ניו יארק סטעיט איינוואוינער וועלן באקומען מעלדונג אין די פאסט ביז 14 ביזנעס טעג פון די פארלעצונג אינצידענט, און די וואס וואוינען אויסער די סטעיט וועלן באקומען מעלדונג ביז 45 טעג. בילדער פונעם דרייווער אדער אינהאלט פונעם וויהיקל וועלן נישט ווערן דאקומענטירט.

געלט-שטראפן דורך די פילאט פראגראם וועלן ווערן ארויסגעגעבן ווי פאלגנד:

1. $50 פאר ערשטע פארלעצונג
2. $75 פאר צווייטע פארלעצונג
3. $100 פאר דריטע און שפעטערדיגע פארלעצונגען אינערהאלב 18 מאנאטן פון די ערשטע פארלעצונג

אומבאצאלטע געלט-שטראפן קענען רעזולטירן אין א וויהיקל רעגיסטראציע אפהאלט וואו דרייווערס וועלן נישט קענען באנייען זייערע רעגיסטראציעס אן ערשט באצאלן זייערע געלט-שטראפן. אייגנטומער קענען זיך קעגנשטעלן צו א פארלעצונג אינערהאלב 30 טעג פון ווען זיי האבן באקומען מעלדונג. לויט ווי פארלאנגט דורכן געזעץ, וועלן 60 פראצענט פון די געלטער געזאמלט דורך NYSDOT און די טרו-וועי אויטאריטעט דורך דעם פראגראם פארבעסערן ארבעט זאנע זיכערהייט פראיעקטן.

די סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע און די טרו-וועי אויטאריטעט הויבן אויך אן א פארצווייגטע פובליק וואכזאמקייט קאמפיין צו אריינגעמען פארשידענע אדווערטייזינג און סאשעל מידיע געלעגנהייטן וואס צילן דרייווערס דורכאויס די סטעיט. די קאמפיין וועט נוצן בילבאורד רעקלאמעס, בראודקעסט און סטרימינג ראדיא, וועיז און נאך צו אונטערשטרייכן דעם נייעם פראגראם און פארבעסערן מאטאריסט אויספאלגונג מיט טראפיק זיכערהייט געזעצן אין הייוועי ארבעט זאנעס. מער אינפארמאציע איבער דער פילאט פראגראם קען מען געפונען דא.

**׳אפעראציע הארד-העט׳**
א סטעיט פאליציי קרעקדאון אויף ארבעט זאנע פארלעצונגען וועט אויך פארקומען דורכאויס נאציאנאלע ארבעט זאנע וואכזאמקייט וואך, אפריל 17 ביז אפריל 21, 2023 אלס טייל פון די אנגייענדע "אפעראציע הארד העט" איניציאטיוו, וועלכע שטרייכט אונטער די וויכטיגקייט פון זיכערע דרייווינג פראקטיקן אין אקטיווע קאנסטראקשאן און מעינטענענס ארבעט זאנעס דורכאויס די סטעיט. סטעיט טרופערס וועלן זיין אנגעטון ווי הייוועי מעינטענענס ארבעטער אין אקטיווע הייוועי ארבעט זאנעס אויף הייוועיס דורכאויס ניו יארק וואו סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע און טרו-וועי אויטאריטעט ארבעטער וועלן דורכפירן מעינטענענס און קאנסטראקשאן אקטיוויטעטן. DOT, סטעיט פאליציי און די טרו-וועי אויטאריטעט פלאנירן זיך אנצושליסן אינאיינעם אויף נאך אומגעמאלדענע ענפארסירונג פראבעס אין קאנסטראקשאן זאנעס דורכאויס די סטעיט בשעת די רעשטע פון די קאנסטראקשאן סעזאן וועלכע ענדיגט זיך געווענליך אין די זומער.

טרופערס וועלן זיין אויפן פלאץ פון די ארבעט זאָנעס צו אידענטיפיצירן מאטאריסטן וואס פאלגן נישט אויס די אנווייזענדע איינגעשטעלטע, פארן שנעל דורך די ארבעט זאָנעס אדער פארלעצן די סטעיט'ס אוועקרוקן געזעץ, וועלכע גייט אן סיי אויף עמערדזשענסי און אויפהאלטונג וועהיקלס. אין 2022, זענען א סך הכל פון 3,062 טיקעטס געווארן ארויסגעגעבן דורכאויס אפעראציע הארד העט, איבערשטייגנדיג די סך הכל פון 2,336 טיקעטס וואס זענען ארויסגעגעבן געווארן אין 2021.

**באלייכטונג פון לענדמארקס**
די לענדמארקס וואס וועלן באלאכטן ווערן אין אנערקענונג פון ׳גאו אראנדזש טאג׳ רעכענען אריין:

- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- ניאגארא וואסערפאלן
- עמפייער סטעיט פלאזא
- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- ׳פעירפארט ליפט׳ ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל

**ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון טראנספארטאציע קאמישאנער מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט**, "די פרויען און מענער וואס ארבעטן אויף הייוועי קאנסטראקשאן און מעינטענענס ארבעט זאנעס זענען נאבעלע פובליק דינער וועלכע ערמעגליכן אונז אלע צו רייזן זיכערערהייט צו אונזערע צילן

דורכאויס ניו יאָרק סטעיט. אלס איינער וואס פארט רעגלמעסיג איף אונזער סטעיט'ס שאסייען, האלט איך טייער זייערעביישטייערונגען און איך בין זיי שולדיג, אבער עס איז יעדנ'ס ארבעט צו האלטן אונזערע הייוועי מעינטענענס ארבעטער פארזיכערט. דרייווערס דארפן פירן זייערע וויהיקלס אויף א זיכערע שנעלקייט און וויסן אז די ספיד לימיט וועט ווערן ענפארסירט ווייל לעבנס זענען אפהענגיג דערויף - אייערס און זייערס. דער נייער פראגראם, וועלכע ווערט אנגעהויבן דורכאויס נאציאנאלע ארבעט זאנע וואכזאמקייט וואך, וועט אונז געבן די געצייג צו בעסער מאניטערן פארלעצונגען אינערהאלב אונזערע קאנסטראקשאן און מעינטענענס ארבעט זאנעס, און דינען אלס א דערמאנונג אז מיר דארפן זיך אלע פארשטייטערן, אראפלייגן אונזערע טעלעפאנען, און איבער אלעם, זיין וואכזאם."

**ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט אינטערים עקזעקיוטיוו דירעקטאר פרענק ג. האור האט געזאגט,** "מעינטענענס ארבעטער ארבעטן יעדן טאג בלויז אינטשעס פון היי ספיד טראפיק און לייגן זיך אין וועג פון סכנה כדי צו פארזיכערן אז די ראודס זענען פארזיכערט פאר אלע דרייווערס. עס איז יעדעמ'ס אחריות צו פארן שטייט און זיין אויפמערקזאם בשעת'ן אריבערפארן אין אן ארבעט זאנע כדי צו האלטן די מענער און פרויען פארזיכערט. ארבעט זאנע ספיד קאמערעס זענען נאך א געצייג אינעם ארבעטס שאכטל צו האלטן אונזערע ארבעטער און קאסטומערס פארזיכערט און איך גלייב באמת אז לעבנס וועלן ווערן געראטעוועט אלס א רעזולטאט."

**ניו יארק סטעיט פאליציי עקטינג סופעראינטענדענט סטיווען איי. ניגרעלי האט געזאגט,** "אונזערע הייוועי און קאנסטראקשאן ארבעטער לייגן זיך טעגליך אין געפאר בשעת זיי ארבעטן צו פארבעסערן די שאסייען פון אונזער סטעיט. מיר האבן א פאראנטווארטליכקייט צו זיין וואכזאם פון די רעגולאציעס פונעם שאסיי און זיך צו פארשטייטערן בשעת'ן דורכפארן קאנסטראקשאן זאנעס כדי צו פארזיכערן די זיכערהייט און וואוילזיין פון די ארבעטערס. איך מוטיג אלע מאטאריסטן צו פארן זיכערערהייט דורכן אויספאלגן ספיד לימיט שילדן, בלייבן אין באשטימטע לעינס, און זיין וואכזאם צו ארבעטערס און עקוויפּמענט אין ארבעט זאנעס. מיר וועלן נישט טאלערירן פארלעצונגען פון די רוק זיך געזעץ און ארבעט זאנע אריינדרינגונגען."

**ניו יארק סטעיט ׳דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס׳ קאמיסיאנער און פארזיצער פון די גאווערנער׳ס טראפיק סעיפטי קאמיטע פון ניו יארק מארק דזשעי. עף שראדער האט געזאגט,** "די זיכערהייט פון ניו יארק'ס שאסייען ווענדן זיך אויף אלע פון אונז זאלן טוען אונזער טייל צו אויספאלגן די רעגולאציעס פון די שאסייע און זיין וואזאם צו יעדן ארום אונז, ספעציעל די מענער און פרויען וואס זענען אינדרויסן און פאררעכטן און מעינטעינען די שאסייען אויף א טעגליכן אופן. נישט אויספאלגן די רעגולאציעס האט די ריזיקע פון א האלד אויף באנייען א וויהיקל רעגיסטראציע צוליב אומבאצאלטע ארבעט זאנע געלט-שטראפן, און טראגט די ריזיקע פון מאטאריסטן אומנויטיג לייגן זיך און אנדערע אין געפאר."

**ציווילע סערוויס ארבעטערס אסאסיאציע פרעזידענט מערי א. סאליוואן האט געזאגט,** "אונזער יוניאן טוט אקטיוו מוטיגן דרייווערס צו זיין וואכזאם, זיין וויסנד פון זייער ארום, און נוצן פארזיכטיגקייט ביים דרייוון אין ארבעט זאנעס. מיר אלע שפילן א ראלע אין ארבעט זאנע זיכערהייט. צופיל פון אונזערע יוניאן מיטגלידער זענען געשטארבן אדער געליטן ערנסטע וואונדן אויפן דזשאב צוליב די לייכטזיניגקייט פון דרייווערס. אינאיינעם טראגן מיר די פאראנטווארטליכקיט צו פארזיכערן אז די מענער און פרויען וואס

מעינטעינען אונזערע ראוד און אינפראסטרוקטור ווערן רעספעקטירט און קומען אן אהיים פארזיכערט צו זייערע פאמיליעס יעדן טאג."

**אסאסיעטעד דזשענערל קאנטראקטערס פון ניו יארק סטעיט פרעזידענט און CEO מייק עלמענדארף האט געזאגט,** "די מענער און פרויען וואס ארבעטן אינדרויסן אויף די שאסייען דורכאויס ניו יארק טוען עס פאר אונזער זיכערהייט - און יעדער ניו יארקער זענען שולדיג פאר זיי צו זיי האלטן פארזיכערט בשעת זיי טוען די וויכטיגע ארבעט. זיי זענען אינדרויסן ארבעטנדיג אפטמאל אין געפארפולע אומשטענדן צו מאכן זיכער אז מיר אלע קומען אן אהיים פארזיכערט צו אונזערע פאמיליעס; עס איז די פאראנטווארטליכקייט פון אלע מאטאריסטן צו פארזיכערן אז יעדע איינע פון זיי קומט אן אהיים פארזיכערט צו זייערס. ניו יארקער דארפן זיין וואכזאם, בלייבן פאקוסירט, זיך פארשטייטערן און זיך אריבעררוקן אין ארבעט זאנעס. AGC NYS מוטיגט די ארבעט פון אונזער אינדוסטריע, לעיבאר און פובליק אגענטור פארטנערס פארן צושטעלן קריטישע אויפמערקזאמקייט פון ארבעט זאנע זיכערהייט דורך נאציאנאלע ארבעט זאנע וואכזאמקייט וואך און בכלל."

אנערקענען און פארשטיין די שילדן נעבן א ארבעט זאון איז וויכטיג פאר די סעיפטי פון אלע דרייווער און שאסיי ארבעטער. אויפהאלטונג ארבעטער דורכאויס גי סטעיט ארבעטן נעבן שנעל-רוקנדע טרעפיק יעדן טאג, וויסנדיג אז זייער לעבן ווענדט זיך אויף דרייווערס זיין אויפמערקזאם, געדולדיג און פארזיכטיג. עס איז קריטיש וויכטיג פאר מאטאריסטן אוועקצונעמען שטערונגען, צולייגן קאפ צום דרייוון און זיך אוועקרוקן פאר ארבעטער. אזוי ווי קאנסטרוקציע סעזאן גייט ווייטער, וועלן אויפהאלטונג און ארבעט'ס מאנשאפטן ווייטער ארויסגיין אויפ'ן שאסייען צו מאכן פארריכטונגען און פארבעסערונגען צו פארזיכערן אז שאסייען זענען זיכער פאר דרייווערס. אלע מענטשן וואס פארן זאלן זיין גרייט צו פארן שטייטער און זיין אויפמערקזאם ביים אריבערפארן ארבעט זאנעס.

פאר מער אינפארמאציע איבער נאציאנאלע ארבעט זאנע וואכזאמקייט וואך, דרוקט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418